# זעקת החינוך (גליון שמא)

Tel. 020-3514-6632

**הגליון טעון גניזה**
עכ"ז גיבן מיר אכטונג נישט צו שרייבן קיין פסוקים במילואם

## ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך וגו'

והאי איהו רחימוי דמאריה, מאן דמסר נפשיה באחד ברחימוי דמאריה, ובגין דא ואהבת את ה' אלקיך אפילו נוטל את נפשך, דאם חביב עליה נפשיה מגופא לכך נאמר ובכל נפשך, ואם חביב עליה גופיה ממאוניה לכך נאמר בכל לבבך, ואם חביב עליה ממונא מגופא לכך נאמר בכל מאדך, במה דחביב עלך מסור ליה ברחימו דמארך בעת צרה.

**ודא איהו נסיון דעתידין ישראל לאתנסאה בשבעין שנין דגלות בתראה,** דעני חשוב כמת, וכאלו נטלין נפשיה גופא ונפשא וממונא, כלהו שקולין במה דחביב עליה מסור ליה ברחימו דמאריה, ובההוא זמנא אתקשר במלת אהבי"ה דאיהי בראשי"ת וכאילו ביה ברא עלמא, ומאן דלא מסר נפשיה או גופיה או ממוניה ברחימו דמאריה בשעת השמד, כאלו אחזר עלמא לתהו ובהו, ומאן דמסר נפשיה וגופיה וממוניה בשעת השמד ברחימו דמאריה דא אתקרי רחימא דמאריה ודאי, ובההוא עלמא לית לעילא מיניה. (תיקוני זוהר דף י ע"ב).

איבערטייטש (התוכן): א יוד ווען ער זאגט קר"ש און איז זיך מוסר נפש ביי 'אחד', ער איז דער ליב-האבער פון השי"ת, און וועגן דעם שטייט גלייך נאך דעם דער פסוק פון **ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך**, דאס קומט אונז צו לערנען אז א מענטש דארף אוועקגעבן די חשוב'סטע זאך ביי אים פארן אויבערשטן, אויב דער לעבן איז ביי אים וויכטיגער פון זיין געלט, דארף ער מקבל זיין אויף זיך אוועקצוגעבן זיין לעבן, און אויב ביי אים איז חשוב'ער זיין געלט פון זיין לעבן, דארף ער מקבל זיין אוועק צוגעבן זיין געלט פארן אויבערשטן.

## און מיט אט דעם נסיון וועלן יודן געפרואווט ווערן אין די לעצטע זיבעציג יאהר פון דעם לעצטן גלות

און ווער עס גיבט נישט אוועק זיין לעבן און זיין געלט פארן באשעפער אין א שעת השמד, איז אזוי ווי ער וואלט חרוב געמאכט די גאנצע וועלט, - און ווער עס גיבט יא אוועק זיין לעבן און זיין געלט פאר השי"ת אין א שעת השמד, דער ווערט אנגערופן **רחימא דמאריה**, דער ליב-האבער פון השי"ת, <u>און אויף יענע וועלט איז נישטא קיין העכערס פון אים</u>. – עכ"ל הזוה"ק.

**פחד פחדים פון דיבורים, ודי בהערה זו למביני מדע.**

בס"ד ג' שבכ"ט לס' הנני נותן לו את בריתי שלו'

לכבוד הגליון היקר זעקת החינוך שיחיו.

קודם כל יישר"כ גדול פאר די וואונדערליכע ארבעט מדי שבוע בשבוע, וזכות הרבים תלוי בכם.

אצינד בעט איך מ'זאל מפרסם זיין דעם בריוו לתועלת הרבים.

עס איז ידוע אז דער בוכ"ע כביכול באצאהלט אלעס מדה כנגד מדה, און אויב מען זעהט ח"ו פרעניות באה לעולם, עס פאסירן ח"ו צרות אויף שונאי ישראל, איז מען מחוייב זיך מתבונן צו זיין על מה עשה ד' ככה, וואס האט צוגעברענגט די צרות, כדי צו וויסן וואס מתקן צו זיין.

והנה, די לעצטע פאר וואכן איז געווען שרעקליכע אינצידענטן דאהי מיט יונגע ניי-געבוירענע קינדער, וועלכע זענען נעדר געווארן ל"ע, ווי אויך אין אמעריקא און אין א"י האט מען געהערט פון עקסידענטן און שרעקליכע מעשיות מיט ווענס און באסעס וועלכע זענען איבערגעפארן קינדער ל"ע, גייענדיג און קומענדיג פון חדר, קינדער פון 7-8-9 יאהר, פון כלערליי מוסדות.

און אלס מדה כנגד מדה, קען מען פארשטיין, און מען דארף צו טראכטן, אז ס'איז דא א תביעה אין הימל אויפן ענין פון תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, וואס מ'האט אנגעהויבן פוגם צו זיין אין זייער קדושה, צו דורך לערנען מיט זיי לימודים אסורים למחצה לשליש ולרביע, צו דורך אריינברענגען 'שיקצות' אין די חדרים, און עס זענען דא די דאקומענטן ווי די גוי'טעס זענען מעיד וואס זיי האבן אלץ געטאן מיט די 11-10 יעהריגע יונגלעך, און וויאזוי די קינדער האבן יא אדער נישט מיטגעארבעט מיט זיי רח"ל. - וואס אויסער דעם עצם חטא פון אריינברענגען פריצות'דיגע גוי'טעס צווישן יודישע קינדער, אין א ת"ת, עוד זאת נוסף טוען די פרויען-טערעפיסטן אנרירן די הייליגע יודישע קינדער (עלטערע יונגלעך פון 11-10 יאהר) מיט זייערע טמא'נע הענט וכו' וכו' וד"ל, אוי וויי געוואלד! ווי קען קען אויסהאלטן דאס אפילו צו הערן און מיט צו האלטן?! תסמר שערות אנוש, די הימלען וויינען אויף אזא ביטערע ירידה, וואס די קינדערס קדושה און יודישקייט ווערט אפגע'הרג'עט מיד ולדורות.

ירושלימער רב הרה"ק **רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל** האט בשעתו געזאגט אז ער איז תולה אלע יודישע צרות אין היינטיגע צייטן, צוליבן טשעפענען מיט דעם אלטן חינוך פון יודישע קינדער!

אבער היינט דא, מוז מען נישט צוקומען צו ר' יוסף חיימ'ען, דא שטייט מען ביי פשוט'ע עצת בלעם, אין די 3 ראשי עבירות בריש גלי וואך-איין וואך-אויס, אלוקיהם של אלו שונא זימה, און אויף אזעלכע מעשים קומען רח"ל אנדרלומוסיא באה לעולם, און אט די מעשים מכוערים ווערן אפגעטאן לעיני השמש אין די שענסטע און גרעסטע מוסדות דא אין שטאט!!

און אלעס פארוואס?! אלעס צוליב געלט!!!

און מ'רעדט נישט דא פון די קאמוניסטישע רוסלאנד, מ'רעדט דא אין א פלאץ ווי מ'קען זיך ארויסדרייען, והא ראי' אז אלע טהרת הקודש מוסדות דאהי פירן זיך בס"ד מיט א שמירה עליונה אהן גוים אהן גוי'טעס, אהן פושעים, אהן רוצחים ואפיקורסים, נאר אלעס דורך

עהרליכע יודן אין די ת״ת, און עהרליכע יודענעס ביי די טעכטער, וועלכע געבן זיך אפ מיט די הייליגע פקדונות לשם ולתפארת.

און לאמיר נישט פארגעסן דעם פחד׳יגן **אוהחה״ק** אין **פר׳ משפטים**, אז דער וואס איז גורם דאס שטארבן פון קליינע קינדער צוליב זיינע ביטערע זינד, אדער דאס שטארבן פון עהרליכע יודן צדיקים יראים ושלמים, איז ווען ס׳וועט קומען דער **יום הדין הגדול**, **שלם ישלם המבעיר את הבערה!** דעמאלטס וועלן די יעניגע שולדיגע נישט קענען קומען מיט שטותים ״כ׳האב נישט געוואוסט״, ״איך האב עס נישט אונטערגעשריבן״, ״די ענגלישע העד-מייסטערס טוט עס״, ״די סענקא טוט עס״, און נאך אזעלכע זינלאזע תירוצים.

די אלע טפשות׳ן קען מען אפשר פארקויפן יעצט אין דעם ביטערן גלות, אבער ווי מורא׳דיג וועט זיין דער **יום הדין הגדול והנורא**, ווען די צייט וועט קומען, **חיל ורעדה יאחזמו**.

דעריבער טייערע יודן, לאמיר זיך א כאפ טאהן באצייטענס און צוריק כשר׳ן די הייליגע מוסדות, דורך ארויסווארפן די יוונים ומתיוונים פון איבעראל, און די עהרליכע יודן אין די אלע קהילות זאלן שרייען **מי לד׳ אלי!** און אויב מ׳קען נישט, זאל מען כאטש ארויסנעמען פון דארט די הייליגע פקדונות, און מ׳זאל זיי נישט לאזן חרוב מאכן זייער גאנצער לעכטיגער עתיד, און מען זאל גוט געדענקען, אז **שלם ישלם המבעיר את הבערה**. און הלוואי זאל מען נישט דארפן חרטה האבן.

**והנני חותם בלב נשבר - א טאטע וואס וויינט אויף זיינע דורות**

---

בס״ד

לכבוד דעם חשוב׳ן גליון שיחיו

בנוגע וואס איר האט מעורר געווען וועגן די אפסטעד פלעי-גרופס, האב איך – אלס איינע וואס דער רבוש״ע האט מזכה געווען צו זיין א מחנכת דא אין שטאט - געוואלט צו לייגן א פאר ווערטער.

עס איז אויסגעקומען אז איך האב געהאט א שמועס מיט א פרוי, א חשוב׳ע פרוי, אבער פון א קהילה וואס גייט ליידער צו מיט קאלטקייט צו יודישקייט און צו אלע פירצות הדור, און אזוי בדרך אגב זאגט זי מיר אז זי גייט עפענען נאך אפאר וואכן אן ׳אפסטעיט פלעי-גרופ׳ פאר פרנסה.

האב איך איר געפרעגט, צו פאדערט די רעגירונג אז מ׳זאל עפעס לערנען צו דעם פון זייערע זאכן? האט זי געזאגט, יא, מ׳דארף זיך צוגרייטן פאר דעם. זי לערנט עס ׳אן-ליין׳. ס׳נעמט איר זעקס וואכן.

האב איך איר געפרעגט, אויב האט זי הנאה פון זייער מהלך אין חינוך וואס זיי געבן דארט? האט זי געזאגט, ס׳איז נישט עכט חינוך. חינוך איז מער שבת, יום טוב, תורה. דאס איז נאר behavior, אויפפירונג, ס׳איז נישט חינוך.

האב איך איר געפרעגט אויב זי האט עפעס געזעהן דארט חידושים? האט זי געזאגט, יא, זי איז אזוי צופרידן, זי האט געהערט דארט פעסטע זאכן, מורא׳דיגע זאכן, און זי נוצט עס אויך פאר אירע אייגענע קינדער אינדערהיים. זי האט זייער הנאה פון דעם, - זי האט געלערנט דארט, אז אנשטאט צו זאגן פאר א קינד, ״דו דארפסט טון דאס, דו טארסט נישט טון יענץ,״ איז אסאך א בעסערע וועג אז מ׳מאכט די קינדער זאלן אליין טראכטן, און מ׳עפנט זייער קאפ, און מ׳מאכט זיי זאלן נוצן זייער אייגענעם שכל, און אליין טראכטן וואס צו טון אין יעדע סיטואציע, אנשטאט זיי צו הייסן אדער זאגן.

האב איך געזאגט, "למשל וואס? וועלכעביישפיל?" האט זי געזאגט, למשל, א קינד וועט ארויפקריכן אויף א בוים, און דו זעסט א גוטע צווייג וואו ער קען זיך אנכאפן. אנשטאט צו זאגן פאר די קינד, "גיי, גיי אויף יענע צווייג", זאג פאר די קינד, "לאמיר טראכטן צוזאמען, וויאזוי קען מען יעצט ווייטער גיין"? - און אזוי אין יעדע סיטואציע, אנשטאט צו הייסן אדער זאגן פאר די קינד זאלן פאלגן, מאכן זיי עס צוזאמען מיט זיי.

און זי איז ממשיך אז זי נוצט עס אויך פאר אירע אייגענע קינדער. למשל, די קינדער קריגן זיך, אירע אייגענע קינדער קריגן זיך, און אנשטאט צו זאגן, "דער אייבערשטער לאזט זיך נישט קריגן", "מ'טאר זיך נישט קריגן", "די שכינה גייט אוועק פון א שטוב וואו מען קריגט זיך" זאגט זי, "לאמיר טראכטן א וועג וויאזוי מ'קען מאכן עפעס א גוטע מצב".

האב איך איר געזאגט אז ס'איז אינטערעסאנט, ווייל איך מיין, אז די תורה לערנט אונז אנדערש, אונז ווייסן אז דער אויבערשטער האט יא איבערגעגעבן די תורה אויף אזא וועג, "לא תגנוב", מ'טאר נישט דאס, מ'טאר נישט יענץ. און אזוי האבן אויך אונזערע עלטערן אונז מחנך געווען אלעמאל אויף דעם דרך המקובל פון אלע דורות? - זאגט זי, יא, אבער דאס איז אסאך א בעסערע וועג(!!! ר"ל מהאי דעתא). און עניוועי, דאס איז נישט תורה, איך מיין, ס'איז סתם behavior.

שוין, ווערטער זענען איבריג.

מ'ליינט דעם קונטרס 'ימין מקרבת' (פון איינעם פון די חשוב'ע עלטערע מחנכים אין שטאט), זעט מען דארט אז ער זאגט אז די אמאליגע חינוך, דער דרך המקובל איז געווען 'פאלגן און גלייבן', און די היינטיגע איז פונקט פארקערט. - אין דעם קליינעם שמועס פון פינף מינוט זעט מען טאקע ווי זיי רייסן אויס די גאנצע **דרך התורה** פון פאלגן. - נאר פשוט, די קינד דארף זיך אליין דעוועלאפן און אויפוואקסן אז ער זאל קענען טון וואס ער וויל און ווען ער וויל. ער דארף אליין טראכטן און זיך אליין מחנך זיין.

און פארשטייט זיך, אז ווען דאס קינד ווערט איינגעוואוינט אז ער איז זיין אייגענער מחנך, און אלעס דארף ער נאר טון ווייל "ער פארשטייט אליין אזוי", ווייל אזוי האט מען אים דאך כסדר מחנך געווען, אן קיין ביטול צו עלטערע, אן קיין ביטול צו די הייליגע תורה, נאר אלעס ווייל פשוט דאס איז פראקטישער, דאס איז גלייכער, איז פארשטייט זיך אליין, אז מארגן וועט ער פארשטיין "אביסל אנדערש", און ליידער אסאך מאל מער פון "אביסל", דער יצר הרע שלאפט נישט, ער ציעט די געפילן פון דעם מענטש און פארדרייט דעם מח, צו פארשטיין אויף שלעכט אז ס'איז גוט און אויף גוט אז ס'איז שלעכט, און דעמאלטס איז פשוט נישטא דער כח וואס זאל אים צוריק האלטן, ווייל דאס האט מען אים דאך מחנך געווען פון אלס קליין קינד, אז אלעס דארף ער אליין פארשטיין, וואס איז גוט און וואס נישט, און טאן וואס ער פארשטייט אליין.

אויב מען גייט אוועק פון דעם דרך החינוך פון די הייליגע תורה, פון דעם וועג וואס מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, איז נישט מעגליך אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ווי עס דארף צו זיין, - מיר דארפן האבן מסירות נפש פארן הייליגן חינוך נישט משנה צו זיין חלילה גארנישט, און דאן קען מען האפן אויף ערליכע יודישע דורות.

דער אויבערשטער זאל אונז אלע דערלייכטן די אויגן און א גרויסן יישר כח, - מיר ליינען יעדע וואך דעם גליון פון חינוך, און מ'האט מורא'דיגע הנאה פון דעם, ס'געבט אסאך חיזוק. א גרויסן יישר כח.

**ויה"ר שיבנה ביהמ"ק במהרה בימינו, וכל המתאבל על ירושלם זוכה ורואה בנחמתה בב"א.**